און אליהו האָבן זיך באַוויזן צו זיי, רעדנדיק מיט
4 אים. און פּעטרוס האָט ענטפערנדיק געזאָגט צו
ישוען: האַר, עס איז גוט פאַר אונדז דאָ צו זיין!
אויב דו ווילסט, וועל איך דאָ מאַכן דריי געצעלטן;
איינס פאַר דיר, און איינס פאַר משהן, און איינס
5 פאַר אליהו. און בשעת ער האָט נאָך גערעדט, זע,
אַ ליכטיקער וואָלקן האָט זיי באַשאָטנט; און זע,
אַ קול אויס דעם וואָלקן האָט געזאָגט: דאָס איז
מיין געליבטער זון, אין וועמען איך האָב אַ וואויל־
6 געפעלן; אים זאָלט איר הערן! און ווי די תלמידים
האָבן עס געהערט, זענען זיי אַנידערגעפאַלן אויף
7 זייערע פּנימער, און האָבן זיך זער געפאָרכטן. און
ישוע איז צוגעגאַנגען און האָט זיי אָנגערירט און
8 געזאָגט: שטייט אויף, און האָט נישט קיין מורא! און
ווען זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן, האָבן זיי
קיינעם נישט געזען, אַ חוץ ישוען אַליין.

9 און בשעת זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען פון באַרג,
האָט ישוע זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: זאָגט קיינעם
נישט פון דער זעאונג, ביז דער בן־אדם איז אויפ־
10 געשטאַנען פון די טויטע. און די תלמידים האָבן
אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: און פאַרוואָס זאָגן די
11 סופרים, אַז אליהו דאַרף צום ערשט קומען? ער
אָבער האָט ענטפערנדיק געזאָגט: אליהו קומט טאַקע,
12 און וועט אַלץ צוריקשטעלן; נאָר איך זאָג אייך,
אַז אליהו איז שוין געקומען, און זיי האָבן אים נישט
דערקענט, נאָר געמאַכט מיט אים, וואָס זיי האָבן
געוואָלט. אַט אַזוי וועט אויך דער בן־אדם האָבן צו
13 ליידן פון זיי. דעמלט האָבן די תלמידים פאַרשטאַנען,
אַז ער האָט גערעדט צו זיי וועגן יוחנן המטביל.
14 און ווען זיי זענען געקומען צו דעם המון־עם,
איז געקומען צו אים אַ מענטש, וואָס איז אַנידער־